**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) שלאגט פאר נייע אניציאטיוון צו פארשטערקערן ניו יארק'ס העלט-קעיר סיסטעם און פארברייטערן צוטריט צו קעיר**

***פארבעסערנדיג די אויסגאנג פאר מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט איבערוואגיגקייט דורך צוטריט צו לעבנס-טוישנדע GLP-1 מעדיצינען***

***אריינשטעלן געפאדערטע מינימום סטאנדארטן פאר פלענער בלויז פאר דענטעל קעיר צו גרינגער מאכן און פארבעסערן קעיר פאר קאנסומער***

***פארזיכערנדיג צוטריט צו עמערדשענסי מעדיצינישע קעיר און פארברייטערנדיג די זיכערהייט נעץ טראנספארמירונג פראגראם***

***צושטעלנדיג עיר-קאנדישענינג יוניטס פאר טראגעדיגע ניו יארקער און מענטשן מיט קראנקישע געזונטהייט פראבלעמען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אניציאטיוון געצילט צו פארבעסערן העלט-קעיר דעקונג און פארשטערקערן ניו יארק'ס העלט-קעיר סיסטעם אלס טייל פון איר 2025 סטעיט פון די סטעיט. די אניציאטיוון נעמען אריין צו פארברייטערן צוטריט צו לעבנס-טוישנדע מעדיצינען פאר מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט איבערוואגיגקייט, גרינגער מאכן און פארבעסערן דענטעל אינשורענס דעקונג פאר קאנסומער, און פארברייטערן דעקונג פאר עיר-קאנדישענינג יוניטס פאר טראגעדיגע פרויען און מענטשן מיט קראנקישע געזונטהייט פראבלעמען. אין צוגאב, וועט די גאווערנער אריינברענגען נייע לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו עמערדשענסי מעדיצינישע סערוויסעס און פארברייטערן די זיכערהייט נעץ טראנספארמירונג פראגראם ( Safety Net Transformation Program).

"בשעת מיר ערהוילן זיך ווייטער פון די פאנדעמיע, איז קריטיש וויכטיג צו מאכן אינוועסטירונגען און אינאוואציעס אין אונזער העלט-קעיר סיסטעם," **האט געזאגט גאווערנער Hochul (האקול).** "דאס יאר וועלן אונזער העלט-קעיר פארשלאגן צוריקלייגן מער געלט אין די טאשן פון ניו יארקער און פארזיכערן אז זיי האבן צוטריט צו עפארדעבל, הויכע-קוואליטעט קעיר."

**פארמערן עוועיליביליטי פון לעבנס-רעטנדע איבערוואגיגקייט מעדיצינען**

איבערוואגיגקייט געבט צו צו א געהעכערטע ריזיקע פון דיאביטיס, הארץ קראנקייט, קענסער און אנדערע ערנסטע געזונטהייט פראבלעמען, און זיך ספראוועןן מיט איבערוואגיגקייט פארבלייבט א שוועריגקייט אין ניו יארק. אפהאלטונגען צוליב קאסטן האבן איבערגעלאזט פיל Medicaid פאציענטן אן צוטריט צו לעבנס-טוישנדע מעדיצינען, אריינגערעכנט וועגאוויי (Wegovy) און אזעמפיק ( Ozempic —

glucagon-like-peptide-1 (GLP-1) receptor agonists) וועלכע האבן גענצליך איבערגעטוישט באהאנדלונגען פאר איבערוואגיקייט.

דאס צו אדרעסירן, טוט גאווערנאר Hochul (האקול) פאראָרדענען די דעפארטמענט פון העלט (Department of Health) צו אפשאצן די צוטריט צו GLP-1 מעדיצינען פאר Medicaid מיטגלידער מיט א הויכע ריזיקע פון שווערע קארדיאו-וועסקולער פראבלעמען, ווי א הארץ אטאקע אדער סטראוק. ניו יארק וועט אויך ארבעטן מיט אנדערע סטעיטס צו לייגן דרוק אויף מעדיצין פירמעס אראפצוברענגען פרייזן פון oGLP-1 און אדרעסירן די אומיושר'דיגע צוטריט צו די לעבנס-טוישנדע מעדיצינען, און זיי מאכן מער עווײליבל פאר מער ניו יארקער. די איניציאטיוון וועלן צילן צו פארבעסערן די אויסגאנג פאר מענשטן וואס מוטשענען זיך מיט איבערוואגיקייט און פארמינערן אומ'יושר'דיגקייט אין די העלט סיסטעם וועלכע האלטן אפ צוטריט צו די באהאנדלונגען.

**פארברייטערן צוטריט צו דענטעל קעיר**
די פארבינדונג צווישן דענטעל קעיר און אלגעמיינע געזונטהייט איז ברייט-אנערקענט, אבער דאך טוען פיל ניו יארקער זיך אנטרעפן מיט שווערע פראבלעמען צו באקומען צוטריט צו וויכטיגע מויל-געזונטהייט סערוויסעס. גאווערנאר Hochul (האקול) פלאנט אוועקצושטעלן מינימום סטאנדארטן פאר דענטעל אינשורענס פלענער וואס זענען פארהאן אין די מארקעט און אריינקוקן אין די באניץ פון פעדעראלע 1332 וועיווער געלטער צו סובסידיזירן די קאסטן פון קויפן דענטעל אינשורענס פלענער. כדי צו נאך מער פארבעסערן צוטריט, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) אריינברענגען לעגיסלאציע וועלכע ערלויבט דענטעל היידשיניסטס צו ארבעטן אין אן אויסגעברייטערטע ליסטע פון פלעצער. אין צוגאב, וועט די דעפארטמענט פון העלט נעמען שריט צו מוטיגן העלט פלענער צו צוריק אינוועסטירן געלטער אין איניוואטיווע אניציאטיוון וועלכע פארבעסערן דענטעל קעיר עווײליביליטי.

באקומען צוטריט צו דענטעל קעיר שטעלט פאר שוועריקגייטן פאר ניו יארקער. כמעט האלב פון ערוואקסענע מיט העלט-קעיר חובות זענען שולידג כאטש א טייל פונעם חוב פאר דענטעל קעיר. אנדערש ווי מעדיצינישע אינשורענס פלענער, טוען דענטעל פלענער נישט האבן קיין קלארע סטאנדארטן אונטער די עפארדיבל קעיר אקט (Affordable Care Act), פירענדיג צו צומישעניש איבער קאסטן און בעניפיטן. עס זענען נישט דא קיין מינימום דעקונג סטאנדארטן פאר דענטעל פלענער, מאכנדיג עס שווער פאר די 260,000 ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין די אינדיווידיועלע מארקעט זיך אומצוגיין מיט די פארשידענע בענעפיטן און קאסטן. כדי דאס צו אדרעסירן, וועט ניו יארק אריינברענגען א סטאנדארט ערוואקסענע דענטעל פלאן אין 2026, פארלאנגענדיג אינשורענס פלענער וואס זענען בלויז פאר דענטעל קעיר צו נאכקומען מינימום סטאנדארטן צו פארגרינגערן און פארבעסערן דענטעל קעיר פאר קאנסומער.

**פארזיכערנדיג צוטריט צו עמערדשענסי מעדיצינישע סערוויסעס**
ניו יארק סטעיט האט אין די לעצטע צוויי יאר געגומען גאר גרויסע שריט אונטערצושטיצן די סטעיט'ס עמערדשענסי מעדיצינישע סערוויסעס (Emergency Medical Services, EMS) סיסטעם.
פונדעסוועגן, זענען פארהאן געגנטער לענגאויס די סטעיט וואו EMS סערוויסעס זענען נישט דא צו באקומען אויף א כסדר'דיגע און פארלעסליכע אופן.

גאווערנאר Hochul (האקול) וועט אריינברענגען לעגיסלאציע וואס באשטעטיגט EMS אלס א לעבנס-וויכטיגע סערוויס און פאדערט פון קאונטיס צו פארזיכערן אז אלע איינוואוינער האבן צופרידענשטעלנדע צוטריט צו די סערוויסעס. אזעלכע לעגיסלאציע וועט אויך פאדערן פון קאונטיס צו אנטוויקלען א קאונטי EMS מאפע וואס וועט ערמעגליכן ניו יארק צו טרעפן און אנפולן די דעקונג לעכער, אנגעפירט לענגאויס די סטעיט דורך די סטעיט EMS טעסק פארס, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורך גאווערנאר Hochul (האקול) אין 2022.

**פארברייטערנדיג די זיכערהייט נעץ טראנספארמירונג פראגראם**
זיכערהייט נעץ העלט-קעיר אינסטיטוציעס אין ניו יארק האבן שוועריגקייטן אנצוהאלטן סטאביליטעט און זיך ספראווען מיט פראבלעמען. כדי דאס צו אדרעסירן, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אויפגעשטעלט די זיכערהייט נעץ טראנספארמירונג פראגראם אין 2024, צושטעלנדיג פינאנציעלע שטיצע און רעגולאציע בויגזאמקייט צו מוטיגן סטראטעגישע מיטארבעטשאפט, און פארשטערקערן די שפיטאל סיסטעמען. אין איר ערשטע יאר, איז די פארלאנג פאר די פראגראם שטארק איבערגעשטיגן די געלטער וואס איז געווען צוגעשטעלט דערפאר.

נאכצוקומען די פארלאנג, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) צולייגן נאך ריסאורסעס צו דעם פראגראם. די פארפליכטונג וועט שטיצן ווערדפולע אפליקאציעס און ערמעגליכן נייע מיטארבעטשאפט צו סטאביליזירן און פארשטערקערן ניו יארק'ס זיכערהייט-נעץ שפיטעלער פאר די צוקונפט.

**אויסברייטערנדיג צוטריט צו עיר קאנדישענינג יוניטס פאר מענטשן מיט קראנישע געזונטהייט פראבלעמען**
אין ניו יארק סטעיט, טוט קלימאטן טויש פארשטערקערן די ערנסטקייט, לענג און אפטקייט פון עקסטרעמע היץ פאסירונגען. אין 2024, האט גאווערנאר Hochul (האקול) געמאלדן אן אויסברייטערונג פון דעקונג פאר די איינקויפונג, דעליווערי, און אריינשטעלונג פון עיר קאנדישענערס אין די עסענטשיעל פלאן פאר מיטגלידער מיט א באדייטנדע מעדיצינישע ריזיקע צוליב אסטמא. צו ווייטער בויען אויף די דערגרייכונג, פלאנט גאווערנאר Hochul (האקול) צו אויסברייטערן די בארעכטיגונג באדינגונען פאר עיר קאנדישענינג יוניטס אריינצונעמען טראגעדיגע פרויען און די מיט נאך געזונטהייט פראבלעמען וועלכע ווערן ערגער אין עקסטרעמע היצן, ווי דיאביטיס, קארדיאו-וועסקולע קראנקייט, און הייפערטענשן. די אוסברייטערונג וועט אריינגיין אין קראפט אין 2026, און ווערט פארגעשאצט צו פארזיכערן אז ביז צו 15,000 עסענטשיעל פלאן איינגעשריבענע קענען באקומען צוטריט צו עיר קאנדישענינג יוניטס, וואס וועט שטארק ארויסהעלפן קעגן די ווירקונג פון עקסטרעמע היצן פאר געמיינדעס אויסגעשטעלט צו ליידן דערפון.

**ניו יארק סטעיט העלט קאמישענער דאקטאר James McDonald (דשעימס מעקדאנעלד) האט געזאגט,** "די פארשלאגן, אריינרעכנדיג אויסברייטערן צוטריט צו דענטעל קעיר, מעדיצינען צו באהאנדלען איבערוואגיגקייט, און פארבעסערן צוטריט צו עיר קאנדישענינג יוניטס, ברענגען ארויס די גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן די אמת'ע פראבלעמען פון ניו יארקער און זיי העלפן לעבן פיין."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן